בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קל"ט

יו"ל: כ"ג אייר ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ
לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך
האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #139**

# תוכן השיעור

**נישט געוואלט איבערלאזן דער פּאָסט**

**נישט טשעפען יענעמ'ס א קאפּיקע**

**דער רב וויל נישט גיין צו קיין לויה**

**נישט געוואלט מוחל זיין**

**משא-ומתן באמונה - בכל דרגא ודרגא**

**"טוב תורה עם דרך ארץ"**

**שוסטערס - צדיקים וקדושים!**

**דער באהאלטענער שוחט**

**איידער אָן התבודדות איז שוין בעסער א מלמד**

**נעם נישט קיין תעניתים וסיגופים**

בס"ד

# פרשת בהעלותך

שנת תשל"ז

(טייפ מס' 244#)

## נישט געוואלט איבערלאזן דער פאָסט

[לומד ליקוטי מוהר"ן תורה ר"פ]

זאגט דער רבי: "דַע, מִי שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן לִפְנֵי דַּיָּנִים בְּדִין תּוֹרָה, זֶה לוֹ עֹנֶשׁ וּנְקָמָה שֶׁהַתּוֹרָה נוֹקֶמֶת בּוֹ. כִּי בֶּאֱמֶת כָּל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן הוּא תּוֹרָה, כִּי לְמָשָׁל הַדִּין הַמַּחֲלִיף פָּרָה בַּחֲמוֹר הוּא תּוֹרָה, וּמִכָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁעוֹשִׂין הַדָּבָר בְּעַצְמוֹ הוּא בְּוַדַּאי תּוֹרָה. וּכְמוֹ שֶׁמְּסַפְּרִין כָּל זֶה בְּשֵׁם הַבַּעַל-שֵׁם-טוֹב זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה".

מה-דאך אז מען לערנט די משנה איז עס תורה, איז אז מען טוהט טאקע די זאך, איז דאך דאס אוודאי תורה.

דער בעל שם האט אזוי געזאגט: "מה-דאך אז מען לערנט דער משנה 'המחליף פרה בחמור' - אבער מען מאכט נישט קיין חילוף, איז עס תורה; אז איך מאך א חילוף, איז דאך עס אוודאי תורה!".

דער אמת איז, יעדע משא-מתן וואס מען האט - מען בייט זיך מיט יענעם, מען פארקויפט, מען קויפט, דאס איז אלץ תורה.

"וְעַל כֵּן כְּשֶׁעוֹשִׂין מַשָּׂא וּמַתָּן, צָרִיךְ שֶׁיְּקַשֵּׁר מַחֲשַׁבְתּוֹ רַק בְּהַתּוֹרָה וְהַדִּינִים הַמְלֻבָּשִׁים שָׁם". ווייל יעדע זאך וואס איך טוה איז תורה.

"וּמִי שֶׁעוֹקֵר הַמַּשָּׂא וּמַתָּן מִן הַתּוֹרָה, וְנוֹפֵל אֶל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן בְּעַצְמוֹ, וְאֵינוֹ מְקַשֵּׁר מַחֲשַׁבְתּוֹ אֶל הַתּוֹרָה הַמְלֻבָּשׁ שָׁם, אֲזַי עָנְשׁוֹ, שֶׁאַחַר כָּךְ הוּא צָרִיךְ לָדוּן בְּדִין

תּוֹרָה, וַאֲזַי צָרִיךְ לַחֲזוֹר וּלְהָבִיא כָּל הַדְּבָרִים וְכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְכָל הָעֲסָקִים שֶׁהָיָה לוֹ בִּשְׁעַת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן מִתְּחִלָּתוֹ וְעַד סוֹפוֹ, צָרִיךְ לְהָבִיא הַכֹּל אֶל הַתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ לַחֲזוֹר וּלְסַפֵּר הַכֹּל לִפְנֵי הַדַּיָּנִים, וְהֵם פּוֹסְקִים עַל זֶה דִּין תּוֹרָה.

"נִמְצָא שֶׁחָזַר וְנַעֲשָׂה מִכָּל דִּבְרֵי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן תּוֹרָה, וְהוּא לוֹ נְקָמָה, שֶׁהַתּוֹרָה נוֹקֶמֶת בּוֹ עַל אֲשֶׁר עָקַר הַדִּינִים הַמְלֻבָּשִׁים בְּהַמַּשָּׂא וּמַתָּן מִן הַתּוֹרָה, וְנָפַל אֶל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן בְּעַצְמוֹ, כְּאִלּוּ אֵין שׁוּם תּוֹרָה בְּהַמַּשָּׂא וּמַתָּן, עַל כֵּן עָנְשׁוֹ שֶׁצָּרִיךְ לָבוֹא לִפְנֵי דִּין תּוֹרָה, וַאֲזַי צָרִיךְ לְהָבִיא כָּל דִּבְרֵי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן וְלַעֲשׂוֹת מֵהֶם תּוֹרָה, וַאֲזַי מַרְאִים לוֹ שֶׁכָּל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן הוּא תּוֹרָה, כִּי עַכְשָׁו נַעֲשָׂה מֵהַכֹּל דִּין תּוֹרָה כַּנַּ"ל.

"כִּי בְּוַדַּאי הוּא צָרִיךְ לְהָבִיא כָּל הַדְּבָרִים אֲפִלּוּ כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת לִפְנֵי הַדַּיָּנִים, כִּי אִם חָסֵר אֵיזֶה דִּבּוּר אוֹ אֵיזֶה מַחֲשָׁבָה יִתְקַלְקֵל הַדִּין תּוֹרָה, וְצָרִיךְ דַּיְקָא לְהָבִיא הַכֹּל כָּל מַה שֶּׁעָבַר בִּשְׁעַת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן לִפְנֵי הַדַּיָּנִים, וְהֵם עוֹשִׂין מִזֶּה דִּין תּוֹרָה. נִמְצָא שֶׁחָזַר וְנַעֲשָׂה מֵהַמַּשָּׂא וּמַתָּן תּוֹרָה, וּמַרְאִין לוֹ שֶׁאֵין הַדָּבָר כְּמוֹ שֶׁהוּא סָבַר מִתְּחִלָּה שֶׁאֵין בְּהַמַּשָּׂא וּמַתָּן תּוֹרָה, כִּי הֲלֹא רְאֵה בְּעֵינֶיךָ שֶׁכָּל דִּבְרֵי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן כֻּלָּם הֵם תּוֹרָה, כִּי עַכְשָׁו נַעֲשָׂה מֵהַכֹּל דִּין תּוֹרָה כַּנַּ"ל.

❖

ר' יצחק (בן מוהרנ"ת) - די גאנצע פּאָסט איז געווען ביי אים, ער איז אלע טאג געגאנגען אין פאסט אריין.

טולטשין איז א רייכע שטאט געווען, מיט גרויסע סוחרים. אין יענע יארן האט געקענט אנקומען א האלבן מיליאָן געלט צו אים, און ער האט דאס אלץ געדארפט צוטיילן - די אלע פאפירן. און אזא מין מורא'דיגער מענטש איז ער געווען - א גרויסער ירא ה' געווען - ביז ביינאכט זענען אלע געלטער געווארן צוטיילט, צו דעם סוחר, צו יענעם סוחר. ער איז געווען זייער שטרענג אז ביי אים זאל נישט בלייבן קיין געלט אויף דער נאכט.

נאכדעם אז ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל (בשנת תרכ"ח) האבן ר' מיכעלע מיט ר' דוד צבי איבערגענומען דער פאסט - די ביידע ברידער (בני ר' יצחק). ר' מיכעלע איז געווען דער עיקר.

ר' מיכעלע איז געווען געוואלדיג דבוק אין אויבערשטן, אבער אין געלט זאכן איז ער געווען אזוי פארזיכטיג, אזוי שטרענג - אלע געלטער וואס איז דא האט געמוזט ווערן צוטיילט איידער מען גייט שלאפן, עס זאל נישט בלייבן אין שטוב קיין שום געלט.

אז ר' דוד צבי איז אלט געווארן זיבעציג יאר, האט ער אפגעלאזט דער פאסט. געגוג.

ר' מיכעלע איז אבער געגאנגען אין פאסט שפעטער אויך. זאגט אים ר' דוד צבי: "מיכעלע, ביזן גרוב דארפסטו גיין אין פּאָסט?". ער האט אים אבער גארנישט געענטפערט, ער איז ווייטער געגאנגען אלע טאג אין פאסט אריין. שוין.

אז ר' מיכעלע איז נפטר געווארן, האבן שוין איבערגענומען ר' מיכעלע'ס קינדער - איך האב זיי געקענט - ביי זיי האט שוין איבערגענעכטיגט געלט, עס איז שוין געווען אמאל אבידות מיט גניבות...

דעמאלט האבן אונזערע לייט געזעהן דאס גרויסקייט פון ר' מיכעלען; ער האט געוואוסט אז ווי לאנג ער איז דא קען ער זיך נישט פארלאזן אויף קיינעם; אבער אז ער אליין וועט גיין אלע טאג אין פאסט, וועט ער זעהן עס זאל זיך פירן אלץ מיט א סדר ווי עס דארף זיין, עס זאל נישט זיין קיין גניבות מיט קיין שאלות - עס איז דאך געלט!

ער האט אזוי מדייק געווען פונקטליך אז עס זאל נישט איבערבלייבן קיין געלט; ער איז געווען אזוי שטרענג, אז די אלע וואס שיקן געלט - די גרויסע סוחרים, האבן שוין געוואוסט - ר' מיכעלע איז א שטרענגער - מען מוז אפגעעמען דאס געלט - דארט קען נישט בלייבן די געלט!

יעדע זאך איז אלץ תורה!

פארוואס האט ער דאס געטוהן? דאס איז אלץ תורה! ביים איבערבלייבן געלט איז שוין דא שאלות - יא געהיטן, נישט געהיטן - עס איז אלץ שאלות.

❖

# נישט טשעפען יענעמ'ס א קאפיקע

'יענעמ'ס א קאָפּיקע'; וויפיל דעם רבי'נס זאך איז גרויס אין אלעס - אין קדושה, אין אלעס, אבער געלט זאכן איז געווען ביים רבי'ן אזוי הארב, אזוי זיין נזהר נישט טשעפען יענעמ'ס א קאפיקע - א געוואלד, א געוואלד![א]

איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, עס איז ממש אזוי געווען - א פחד איז געווען - מען זאל נישט אנרירן יענעמ'ס, נישט טשעפען יענעמ'ס, מען האט מדקדק געווען ממש 'מכזית עד כביצה' - 'עד פרוטה' - נישט טשעפען יענעמ'ס.

דאס איז דאך אלץ תורה, אט דאס איז תורה; בשעת איך האב מורא פאר יענעמ'ס - דאס איז דאך אלץ געדאנקען פון תורה. פארוואס? ווייל די תורה זאגט דאך אזוי! אין דער תורה איז דען דא א חילוק?! 'דין פרוטה כדין מאה'![ב]

ער איז געווען אזוי דבוק אין דעם אויבערשטן, זיין משא ומתן איז געווען אזוי פיל מיט תורה, ער האט אזוי מורא געהאט - -

וואספארא תורה איז דא אין 'משא ומתן'! אז איך האב עפעס א זאך, איך קויף, איך פארקויף, אלטע, נייע, וואו מען גיט זיך נאר א ריר - דאס איז דאך אלץ תורה! ממש אויף יעדער זאך איז דא הלכות - א גרויסע חשן משפט איז דא - א געוואלד!

דאס הייסט, נישט אז זיין מחשבה איז מלובש אין געלט, נאר אדרבה, זיין מחשבה איז מלובש אין תורה!

---

[א] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תקמ"ט: כששאל פעם ר' געציל מאומן את ר' אברהם ב"ר נחמן ז"ל מהי כוונת רבינו שם (ליקו"מ סי' ב') בענין 'משפט', השיב לו: "**נישט טשעפען יענעמ'ס קאפיקע**". [עיין ליקוטי הלכות הל' ר"ח ה"ו, אות י"א: כִּי מְאֹד צְרִיכִין לִזָּהֵר בְּתִקּוּן הַמִּשְׁפָּט בְּכַמָּה בְּחִינוֹת. הָאֶחָד שֶׁלֹּא לְעַוֵּת הַמִּשְׁפָּט נֶגֶד חֲבֵרוֹ בְּמַשָּׂא וּמַתָּן **שֶׁלֹּא יִגַּע בְּמָמוֹן חֲבֵרוֹ**, וכו' עיי"ש]. גם עיין ליקוטי הלכות הל' הלואה ה"ג, אות ג': **עִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא תְּלוּיָה בַּמָּמוֹן** כְּשֶׁנִּשְׁמָרִין מִתַּאֲווֹת מָמוֹן **לִבְלִי לִגַּע חַס וְשָׁלוֹם בְּמָמוֹן חֲבֵרוֹ אֲפִלּוּ כִּשְׁוֵה פְּרוּטָה.**

[ב] סנהדרין ח.

'משא-ומתן' אליין אָן תורה - איז טאקע 'משא-ומתן' אליין - ער איז אפגעריסן פון תורה, אבער אז עס איז מלובש כסדר אין דעם ענין פון מורא האבן 'נישט טשעפען יענעמ'ס' - איז עס תורה, ער איז דבוק אין תורה[ג].

פון רבי'ן איז דא א בריוו[ד] צום מחותן רבי לייב דאבראוונער[ה]: "איר זאלט עוסק זיין **אין משא-ומתן; אייער משא-ומתן איז 'סַפְּרוּ בַגּוֹיִם אֶת כְּבוֹדוֹ'!"**.

עס איז א געוואלדיגע גרויסקייט! עס איז געווען צדיקים וואס האבן עוסק געווען אין משא ומתן - און עס איז געווען געוואלדיג!

❖ ❖ ❖

## דער רב וויל נישט גיין צו קיין לויה

דער רבי האט דערציילט דארטן דער טאכטער די מעשיות[ו]; איז איין מעשה דא וואס ענדיגט זיך דארט מיט דעם לשון: **"אט דאס איז געווען אוסטראה'ער סוחרים, און דאס איז געווען אוסטראה'ער פרנסים!"**.

(השואל: עס איז געדרוקט די מעשה?) **איך וויים נישט צו עס איז געדרוקט צו נישט!**

---

[ג] עיין תפארת שלמה פר' תולדות ד"ה "א"י ויהי לו מקנה צאן": דהנה אף אם האדם מוכרח לבקש פרנסתו כל יום ויום ואינו פנוי לעסוק בתורה יומם ולילה. בכ"ז אם במשא ומתן עם בני אדם הוא מתנהג על פי התורה שלא להונות ושלא לגזול ושלא ישקר וכדומה, **הנה הוא בעוסקו במ"מ הוא עוסק בתורה**.

[ד] נדפס בריש ספר עלים לתרופה - מכתב מיום ג' י"ב אב תקס"ט: גַּם בְּקַשְׁתִּי מִמַּעֲלָתוֹ שֶׁיַּעֲסֹק בְּמַשָּׂא **וּמַתָּן כִּי מַשָּׂא וּמַתָּן שֶׁל מַעֲלָתוֹ הוּא צָרֶךְ גָּבֹהַּ** כִּי (תְּהִלִּים צו) **סַפְּרוּ בַגּוֹיִם אֶת כְּבוֹדוֹ**.

[ה] שרה בת רביז"ל נישאה למוה"ר יצחק אייזיק בן הרב ארי' לייב דאבראוונער.

[ו] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקכ"ט: מעשה שבא רביה"ק לבית בתו מרת שרה לבקרה, כי היתה חולה מאד, וישב אצלה רבינו בצער גדול, ונרדם. בא אליו זקינו הבעש"ט הקדוש ואמר לו: "מה אתה כל כך בצער?"; השיב רבינו: "הלא בתי כל כך חולה!". אמר לו הבעש"ט: "הלא כתוב בתהלים (יח, נא) 'מגדיל ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו לדוד ולזרעו עד עולם'!"; פירוש: "מגדיל ישועות מלכו" - מאן מלכי? רבנן! (ראה גיטין סב.), "ועושה חסד" - השי"ת עושה חסד "למשיחו", אל תקרי 'למשיחו' אלא 'למשׂיחו', למי שמשׂיח ומספר מהם, "לדוד ולזרעו עד עולם" - אלה הם רבינו ויוצ"ח שבאים מזרע דוד המלך ע"ה. וסיפר לה אז רבינו מעשה נורא מהרב המהרש"א זצ"ל ונתרפאה; וזה המעשה וכו' עיי"ש. (עיין גם חיי מוהר"ן אות תע"ט).

אין אוסטראה איז געווען אזוי - אין אונזערע צייטן איז דאס נאך אויך אזוי געווען; ביי דער חברה קדישא איז געווען א בוך וואס אין יעדער דַף איז געווען א סיפור - א סיפור פון צדיקים קדמונים. אז מען האט געוואלט עפענען, האט מען געגעבן א רענדל - און מען עפנט אויף, און וואו עס עפנט זיך - דארטן וועסטו איבערליינען דעם סיפור. איז דער סיפור וואס דער רבי האט איר דערציילט איז געווען פון די דאזיגע (- ששילם רבינו על זה רענדל אחד).

(השואל: דער רבי איז געווען אין אוסטראה?) אוודאי איז דער רבי געווען אין אוסטראה![ז]

א מעשה פון סוחרים; די סוחרים דארטן זענען געווען צדיקים! פון דער מעשה זעהט מען דאס גרויסקייט פון יענע סוחרים.

(השואל: פון וואנעט ווייסט מען די מעשה? איר האט דאס געהערט?) אוודאי, איך האב עס געהערט דארטן אין אומאן, דער רבי האט דאס דערציילט דער טאכטער.

איך וועל מאכן א קיצור; אזוי הויבט זיך אָן די מעשה: אין אוסטראה האט מען אויסגעבויעט א גרויסער שול; דער מהרש"א איז געקומען דארט ווערן לאנד-רב - ער איז דאך געווען דארטן רב, האט מען אויסגעבויעט א גרויסער שול.

אמאל איז געווען אז מען פלעגט פארקויפן 'דאס ערשטע שטיין לייגן' (- הנחת אבן הפינה) - מען האט פארקויפט דאס לייגן דעם יסוד. האט זיך אנגערופן איינער דארטן - 'מען זאל מכבד זיין דעם מהרש"א מיטן לייגן דעם ערשטן שטיין - מען זאל דאס נישט פארקויפן!'. האט זיך אנגערופן א גביר: "מיר דארפן דאך האבן געלט אויף צו בויען דער שול!". האט מען אנגעהויבן פארקויפן.

איז געווארן אז יענער גביר וואס ער האט פריער געזאגט אז מען דארף דאס פארקויפן און ער האט דערמיט (כפי שהיה נראה קודם לכן) פוגע געווען אין דעם כבוד פון דעם מהרש"א, האט ער געגעבן א זאק רענדלעך פארן לייגן דעם ערשטן שטיין. האט ער דאס אפגעקויפט.

[ז] עיין חיי מוהר"ן סי' קי"ח, ועוד; ימי מוהרנ"ת אות י"ט.

דערנאך האט ער מכבד געווען דעם מהרש"א מיטן לייגן דעם ערשטן שטיין - דאס איז א כבוד התורה געווען.

אט דער דאזיגער גביר האט ל"ע קיין קינדער נישט געהאט. האט דער מהרש"א א זאג געגעבן צו אים: **"זאג מיר וואספארא זאך ווילסטו פאר דעם?"**. נו, א גביר איז ער געווען, האט ער זיך אנגערופן: **"איך וויל האבן אזא זון אזוי ווי איר זענט!"**.

(ענה לו המהרש"א:) **"צו א גרויסע זאך האסטו געבעטן!"**; נאר וואס דען, ער האט דאך אים צוגעזאגט, פארפאלן. (לכן אמר לו:) **"דאס קען נאר זיין אז ווען זי וועט ווערן מעוברת, זאל 'ער' נפטר ווערן - דער פאטער, און ווען עס וועט ווערן געבוירן דאס קינד, זאל 'זי' באלד אוועקגיין, און דאס קינד וועט וואקסן ביי מיר - איך וועל אים מגדל זיין, ממילא וועט דאס גאנצע עשירות אריבערגיין צו אים, דעמאלט קען זיין עס זאל זיין אזוי ווי דו ווילסטו!"**.

זענען זיי באשטאנען; ער האט איר געפרעגט - זיי האבן ביידע באשטאנען אז עס זאל זיין אזוי.

אזוי איז טאקע געווען, ער איז נפטר געווארן, און זי אויך, און דאס קינד איז געבליבן ביים מהרש"א. אלע האבן געוואוסט אז דאס קינד איז א "מהרש"א" - אט דאס קינד דארף זיין דער אנדערער "מהרש"א"! מען האט געוואוסט פון דער מעשה אויך - אזא ברכה!

דאס קינד איז אויפגעוואקסן, ער האט אים א גוטער חינוך געגעבן; אז דער מהרש"א האט געוואוסט אז ער דארף ארויסגעבן אזא מין קינד, האט ער נאך מער (אריינגעלייגט) דארטן אין דעם חינוך.

ווען דער מהרש"א איז נפטר געווארן, איז ער איז געווארן רב אויפן מהרש"א'ס ארט. אבער מען האט נישט געזעהן אין אים אז ער זאל זיין דער "מהרש"א".

ער האט אויך געהאט אזעלכע זאכענישן וואס די שטאט-לייט האבן נישט געוואלט דערלידן, (למשל,) ער פלעגט נישט גיין אויף קיין לויה - אז עס איז געווען א לויה פלעגט ער נישט קומען, און אזוי איז געווען נאך זאכן.

הכלל, איינמאל איז געווען, עפעס איינער איז נפטר געווארן, עפעס א גאנצער קנאקער. האט זיך אנגערופן איינער דארטן, 'טאמער גייט ער נישט אויף דער לויה מאכט מען אים 'אוים' רב - מען קען נישט אזוי פיל (סובל זיין!)'.

(ענה הרב:) **"נו, אויף 'דער' לויה וועל איך יא גיין!"**.

האט מען דורכגעטראגן די לויה דורך אים. איז ער ארויסגעגאנגען. האט ער א מאך געגעבן מיט דער האנט[ח], איז געלעגן א שטיקל האלץ אין דער מיטה - דער נפטר איז שוין נישט געווען...

(ענה הרב ואמר:) **"זעהט איר, מען האט אים שוין אויסגעכאפט!** (- המלאכי חבלה).

**"וועמען זאל איך נאכגיין? די חברה האבן אים שוין אויסגעכאפט!"**.

האט ער געמאכט קריק - און דער נפטר ליגט ווידער קריק.

האבן זיי שוין געזעהן ווער ער איז...

זיי האבן שוין געזעהן אז דאס איז א גרויסער מענטש, ער קען מאכן אזוי - ווייזן אז מען האט אים שוין אויסגעכאפט.

❖

## נישט געוואלט מוחל זיין

אט דער רב - דער מהרש"א'ס (ממלא מקום) האט געהאט א זון, ער האט געהייסן ר' בער, ער איז געווען א סוחר. און עס איז געווען מיט אים נאך א סוחר. זיי זענען געווען צוויי סוחרים. יענער סוחר איז אויך געווען אַן ערליכער איד. האבן זיי ביידע עוסק געווען צוזאמען אין משא-ומתן.

אמאל האט זיך אנגערופן דער מהרש"א'ס (ממלא מקום'ס) זון צו יענעם סוחר (באמצע איזה סכסוך ביניהם): **"אויב אזוי ביסטו א גנב!"** [- **"אויב דו טוהסט אזוי, ביסטו א גנב!"**]. שוין.

---

[ח] התנועה שרלוי"צ עשה היתה כמו שפורס סדין על המיטה (ר' מאיר קארליבאך).

יענער איז נפטר געווארן - דער וואס מען האט געזאגט אויף אים אז ער איז א גנב, און ער איז געווען א גרויסער מענטש, ער איז געווען א זוכה בדין, און מען האט אים אויף דער עוולה נישט פארגעהאלטן.

(לכן טען למעלה:) "אויב אזוי האט ער מיך דאך אומזיסט גערופן 'גנב', ווייל ווען נישט - ווען עס זאל זיין ריכטיג - וואלט מען מיר דאך דא פארגעהאלטן מיט אזא גניבה, דעריבער וויל איך ביי אים מאנען דעם עלבון פארוואס ער האט מיר געזאגט 'גנב'!".

הכלל, האבן זיי געזאגט צו אים: "זיי אים מוחל, זיי אים מוחל, א יונגער מענטש מיט קינדערלעך - זיי אים מוחל, זיי נישט מקפיד!". (אבל הוא באחת:) "ניין, איך בין נישט מוחל; פארוואס האסטו מיך גערופן 'גנב'?!'.

האט מען אים געבראכט צו א העכערן בית דין למעלה, און מען האט אים דארט אויך געזאגט: "זיי אים מוחל, שטעל דיך נישט אזויפיל אויף א יונגער מענטש מיט קינדער - זיי אים מוחל!". זאגט ער: "ניין, איך וויל אים נישט מוחל זיין, ער האט מיך גערופן גנב, און דא אין דעם עולם אז מען איז מיך נישט דַן, איז עס נישט אמת; פארוואס האט ער מיך גערופן גנב?!".

ביז מען האט אים געבראכט עפעס גאר צו א הויכן בית דין, און דארטן איז צוגעקומען איינער א 'שרף'. עס איז דאך דא דארטן מלאכים און שרפים. זאגט ער אים: "דו קענסט מיך?" - "ניין, איך קען דיר נישט" - "קוק דיך גוט אום צו מיר - דו דערקענסט מיך? איך בין געווען דער פרנס פון אוסטראה!" - האט ער אים שוין דערקענט. "דא בין איך געווארן א 'שרף'!" - צדיקים ווערן דארטן - -

דארטן אין אוסטראה איז געווען אזוי איינגעפירט, אז עס איז געקומען ערב יום כיפור פלעגט גיין דער רב מיט נאך א בעל-בית צו אלע בעלי בתים, און געפרעגט, 'וויפיל פארדינסטו?' - און אזוי פיל האט מען אים געשטעלט אויף צדקה אויפן גאנצן יאר (-שכך וכך צריך ליתן).

איבער א יאר אז מען איז נאכאמאל געגאנגען, האט מען אים נאר געפרעגט: "ביי דיר איז היינט מערער - צו ווינציגער?". (אויב) מערער, האט מען אים געשטעלט אויף מערער צדקה, אויב ווינציגער, איז ווינציגער.

(ענה ואמר השרף:) "געדענקסטו אז אין דעם און דעם יאר האט מען דיך געפרעגט צו עס איז דא ביי דיר מערער און דו האסט געענפערט אז עס איז ביי דיר גלייך - און ביי דיר איז אבער געווען מערער? ביסטו דאך א גנב - דו האסט גע'גנב'ט ביי די ארעמעלייט, איז דאך רעכט (אז ער האט דיר גערופן 'גנב')". דעמאלט איז שטיל געווארן.

פירט זיך אויס דארטן אויפן בלאט: "אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער סוחרים, און דאס זענען געווען די אוסטראה'ער פרנסים!".

פון א פרנס איז געווארן א 'שרף'!

און א סוחר האט געהאט אזא מין שטארקייט אין זיך 'למעלה', אז ער האט געהאט אזא מין כח זיך צו שטעלן אנטקעגן אלע בתי דינים, ער האט נישט געוואלט (מוותר זיין) ביז מען האט אים ארויסגעוויזן.

"אט דאס זענען די אוסטראה'ער סוחרים, און דאס זענען די אוסטראה'ער פרנסים'!" - דאס האט דער רבי דערציילט.

סוחרים וואס האבן אויבן א טייל אין דעם 'בית דין של מעלה' צו גיין פון 'דעם' בית דין - צו 'דעם' בית דין - ביז מען האט אים ארויסגעוויזן.

אויך זעהט מען נאך א געוואלדיגע זאך, דער ענין אז מען האט אים געשטעלט אויף צדקה און ער האט געזאגט אז ביי אים איז אזוי ווי פאר א יארן - און עס איז געווען מערער, הייסט ער א גנב.

דאס קומט אונז לערנען וועגן צדקה; איינער גיט טאקע צדקה, אבער אז ער פארדינט עפעס מער, דארף ער שוין געבן מערער; דארטן זעהט מען שוין צו ער פארדינט מער.

❖ ❖ ❖

## משא-ומתן באמונה - בכל דרגא ודרגא

"וְהַכֹּל לְפִי הַפְּגַם, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין עָנְשׁוֹ רַק שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן, אֲבָל זוֹכֶה בַּדִּין, רַק שֶׁמַּרְאִין לוֹ שֶׁפָּגַם כַּנַּ"ל. אֲבָל יֵשׁ אֶחָד שֶׁעִקַּר יוֹתֵר הַמַּשָּׂא וּמַתָּן מִן הַתּוֹרָה, אֲזַי

עָנְשׁוֹ יוֹתֵר, שֶׁגַּם אֵינוֹ זוֹכֶה בַּדִּין. כִּי בֶּאֱמֶת כְּשֶׁעוֹשִׂין מַשָּׂא וּמַתָּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה רַק חִיצוֹנִית הַמַּחֲשָׁבָה בְּתוֹךְ הַמַּשָּׂא וּמַתָּן. אֲבָל פְּנִימִיּוּת מַחֲשַׁבְתּוֹ צָרִיךְ לְקַשֵּׁר אֶל הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל".

- אט די סוחרים זענען אזוי געווען - ביי זיי זענען געווען אזעלכע סוחרים!

"גַּם צָרִיךְ אֱמוּנָה בְּהַמַּשָּׂא וּמַתָּן, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּשָּׂא וְיִתֵּן בֶּאֱמוּנָה, וְיִהְיֶה הַדִּבּוּר דִּבּוּר אֱמֶת" - דער דיבור זאל זיין א דיבור מיט אמת. "כְּמָה שֶׁאָמְרוּ (שַׁבָּת לא): 'נָשָׂאתָ וְנָתַתָּ בֶּאֱמוּנָה?'" - מען פרעגט דעם מענטשן - 'האסטו געפירט דיין משא-ומתן באמונה?'.

פון דער גמרא ווייזט אויס אז מען פרעגט דאס פון יעדן איינעם; אז איינער איז נישט געווען קיין סוחר וועט מען אים דען נישט פרעגן די זאך? אויב ער האט נישט געהאנדלט, ער איז נאר געווען א רב, א שוחט, א מלמד, וועט מען אים דען נישט פרעגן די שאלה - 'דו האסט געהאנדלט באמונה'? עס ווייזט אויס, יעדער איינער האט עפעס א משא-ומתן, נישט נאר מסחר, ער האט דאך הוצאות מיט הכנסות - אט דאס הייסט משא-ומתן; יעדער איינער האט 'זיין' משא-ומתן!

אז איך בין 'נושא-ונותן' אין דער גמרא - דאס איז אויך משא-ומתן - ער פרעגט, ער ענטפערט - דאס איז אויך א משא-ומתן[ט].

ממילא, מען וועט יעדן איינעם פרעגן דאס דאזיגע - 'די משא ומתן וואס דו האסט געהאט אין דעם עולם - צו איז עס געווען מיט אמונה'. א מלמד איז א מלאכת ה', א מלמד איז א מלאכת ה' – איז דאס אויך משא-ומתן; א שוחט, א סופר - יעדע זאך איז א משא-ומתן.

"כִּי מַשָּׂא וּמַתָּן הוּא בְּחִינוֹת שֶׁמְּנַשְּׂאִין וּמְרִימִין הַדָּבָר, וְנוֹתְנִין וּמְשִׁיבִין אוֹתוֹ לִמְקוֹמוֹ" - מען הויבט אויף דער זאך - 'משא' איז אויפהויבן, 'ומתן' - מען קערט דאס צוריק צו זיין ארט.

---

[ט] עיין פתח עינים על גמ' שבת שם "נשאת ונתת באמונה": "נשאת ונתת באמונה" - אם כשמפלפל עם חביריו ורַבו היה באמונה, שלא כיון להטעותם או לביישם או להעמיד דבריו אף שהכיר טעותו, או לחלוק עליהם במה שיודע שהאמת אתם, ולכבוד עצמו ולהגדיל שמו כופה פסכת', ואגב חורפיה מפיו לפידים יהלוכו, ומראה פנים לבטל דברי החולקים, ויודע בעצמו כי האמת אתם והוא עון פלילי.

"כִּי יֵשׁ קְדֻשּׁוֹת נְפוּלוֹת, הַיְנוּ בְּחִינוֹת נִיצוֹצוֹת שֶׁנָּפְלוּ, וְעַל יְדֵי מַשָּׂא וּמַתָּן מְנַשְּׂאִין וּמְרִימִין אוֹתָן, וְנוֹתְנִין אוֹתָן לִמְקוֹמָן, וְזֶה בְּחִינוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן כַּנַּ"ל.

"וְעִקַּר בֵּרוּר הַנִּיצוֹצוֹת מִן הַקְּלִפּוֹת הוּא עַל יְדֵי אֱמוּנָה, כִּי דֶּרֶךְ הָאֱמוּנָה לִשְׁכֹּן תָּמִיד אֵצֶל אֵלּוּ הַקְּדֻשּׁוֹת הַנְּפוּלוֹת, בִּבְחִינוֹת (יְחֶזְקֵאל ה'): 'זֹאת יְרוּשָׁלַיִם בְּתוֹךְ הַגּוֹיִם שַׂמְתִּיהָ וּסְבִיבוֹתֶיהָ אֲרָצוֹת', יְרוּשָׁלַיִם הִיא קִרְיָה נֶאֱמָנָה, בְּחִינוֹת אֱמוּנָה, הִיא שׁוֹכֶנֶת בְּתוֹךְ הַגּוֹיִים וּסְבִיבוֹתֶיהָ וְכוּ'. כִּי הִיא בֵּינֵיהֶם תָּמִיד כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן אֵלּוּ הַנִּיצוֹצוֹת שֶׁנָּפְלוּ, הֵם נִדְבָּקִים וְנִתְאַחֲזִין סְבִיבוֹת הָאֱמוּנָה, וְהִיא מַעֲלָה אוֹתָם מִשָּׁם, וְעַל כֵּן צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן בֶּאֱמוּנָה, שֶׁעַל יְדֵי הָאֱמוּנָה מַעֲלִין הַנִּיצוֹצוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּה עִקַּר בְּחִינוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן, לְהַעֲלוֹת הַנִּיצוֹצוֹת כַּנַּ"ל.

"וְזֶה בְּחִינוֹת פְּנִימִיּוּת חַבַּ"ד [חָכְמָה בִּינָה דַּעַת] דַּעֲשִׂיָּה שֶׁעוֹלָה אֶל הַיְצִירָה, וּמַלְכוּת דַּעֲשִׂיָּה עוֹלָה מִן הַקְּלִפּוֹת, יְצִירָה הִיא בְּחִינַת וָא"ו, שֶׁהִיא בְּחִינַת הַתּוֹרָה (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ), וְעַל יְדֵי שֶׁמְּקַשֵּׁר פְּנִימִיּוּת מַחֲשַׁבְתּוֹ, בִּשְׁעַת עֲשִׂיַּת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן אֶל הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, זֶהוּ בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת הַמֹּחִין דַּעֲשִׂיָּה, הַיְנוּ שֶׁל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת עֲשִׂיָּה, שֶׁעוֹלָה אֶל הַיְצִירָה, דְּהַיְנוּ הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, וּמַלְכוּת דַּעֲשִׂיָּה, הַיְנוּ בְּחִינוֹת הָאֱמוּנָה שֶׁבַּמַּשָּׂא וּמַתָּן כַּנַּ"ל, עוֹלָה מִן הַקְּלִפּוֹת, כִּי הִיא מְבָרֶרֶת הַנִּיצוֹצוֹת מֵהֶם וְעוֹלָה מֵהֶם, וְעַל יְדֵי שֶׁעָלָה חַבַּ"ד דַּעֲשִׂיָּה לַיְצִירָה, עַל יְדֵי זֶה יֵשׁ מָקוֹם לַמַּלְכוּת לַעֲלוֹת לַעֲשִׂיָּה, גַּם עַל יְדֵי זֶה שֶׁעוֹלֶה חַבַּ"ד לַיְצִירָה, דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּקַשֵּׁר מַחֲשַׁבְתּוֹ אֶל הַתּוֹרָה, עַל יְדֵי זֶה מְקַבֶּלֶת הָאֱמוּנָה כֹּחַ לְבָרֵר הַנִּיצוֹצוֹת מִן הַקְּלִפּוֹת וְלַעֲלוֹת מֵהֶם, כִּי בְּלֹא זֶה הַכֹּחַ, הָיָה אֶפְשָׁר שֶׁיִּתְאַחֲזוּ גַּם הֵם בְּעַצְמָן בְּהָאֱמוּנָה, חַס וְשָׁלוֹם. אַךְ עַל יְדֵי שֶׁמְּקַשְּׁרִין פְּנִימִיּוּת הַמַּחֲשָׁבָה אֶל הַתּוֹרָה, מְקַבֶּלֶת כֹּחַ לַעֲלוֹת כַּנַּ"ל, וַאֲזַי נַעֲשִׂית מִלְחָמָה, כִּי צָרִיךְ לִלְחֹם עִמָּהֶם לְהוֹצִיא הַנִּיצוֹצוֹת מֵהֶם".

א גאנץ געשעפט, די ניצוצות הקדושים ליגן אין די קליפות, און דורך משא-ומתן נעמט מען זיי ארויס פון דארט.

אין יעדער זאך וואס מען דארף אנקומען צו דעם דא, איז דא ניצוצות הקדושים; סיידן אז עס איז אינגאנצן טריף; אבער טאמער איז עס א זאך וואס מען מעג עס עסן, טרינקען, גיין, אנטוהן, צו סיי וואס ער טוהט נאר, איז דארטן דא ניצוצות הקדושה.

נאר וואס דען, זיי זענען אריינגעפאלן אין די קליפות - ארום און ארום די ניצוצות הקדושים שטייען ארום קליפות; ווי אזוי נעמט מען זיי ארויס? דורך משא-ומתן נעמט מען זיי ארויס; אבער ווען? אז איך בין מקשר די מחשבה צו דער תורה!

יעדע זאך וואס מען טוהט איז משא-ומתן, עס איז א דבר ידוע, יעדע זאך הייסט משא-ומתן; אז ער בינדט אָן זיין מחשבה צו דער תורה, דעמאלט קען די אמונה ארויסנעמען די ניצוצות פון די קליפות; אבער טאמער די מחשבה ליגט נישט אין תורה, איז די אמונה אליין איינגעשטעלט, קענען זיי זיך אנכאפן אין די אמונה אליין - און קאליע מאכן די אמונה אויך.

❖

## "טוב תורה עם דרך ארץ"

אט דאס הייסט, "טוב תורה עם דרך ארץ"[י] - מיט דעם דרך-ארץ זאל זיין תורה אויך צוזאמען[יא], נישט דרך-ארץ אליין.

אזוי טייטשט מען דאך, אז מען דארף טוהן ביידע זאכן - תורה - און עוסק זיין אין דרך ארץ, נישט ביידע אויף איינמאל; אבער ניין - נאר מיט דעם דרך-ארץ זאל זיין תורה. אזוי זאגט דער רבי דא, אינמיטן דעם משא-ומתן - אינדערמיט - זאל זיין תורה. טאמער דרך-ארץ אליין אָן תורה, כאפן זיך אריין די קליפות דארטן.

יעדער איינער אין זיין זאך וואס ער טוהט אין דעם עולם, וואס זיין משא-ומתן איז נאר, דארף זיין אז די מחשבה זאל זיין צוגעקניפט דעמאלט צו דער תורה, ביי וואס ער טוהט, א סופר, א שוחט, א בעל מלאכה - זיין מחשבה זאל זיין 'אל התורה', דעמאלט קען די אמונה ארויסנעמען די ניצוצות פון די קליפות וואס דאס איז דער תכלית פון דעם גאנצן משא-ומתן.

---

[י] משנה אבות פ"ב, מ"ב.

[יא] עיין תולדות יעקב יוסף פר' בחוקותי אות ג'.

דערפאר איז סדום געווען פול מיט קליפות, ווייל סדום האבן דאך מבטל געמאכט דעם משא-ומתן, ממילא איז עס געווען פול מיט קליפות; "הַנִּשְׁכָּחִים מִנִּי רָגֶל"[יב].

❖

## שוסטערס - צדיקים וקדושים!

"וְזֶה פֵּרוּשׁ (דְּבָרִים כ"א): 'כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה' וְכוּ'. כִּי תֵצֵא, זֶה בְּחִינוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן, בְּחִינַת (דְּבָרִים ל"ג): 'שְׂמַח זְבוּלוּן בְּצֵאתֶךָ' וְכוּ'. כִּי מַשָּׂא וּמַתָּן נִקְרָא בְּחִינַת צֵאתְךָ. כִּי אַף עַל פִּי שֶׁזְּבוּלוּן וְיִשָּׂשכָר שָׁוִים, מֵחֲמַת שֶׁזְּבוּלוּן הָיָה מַסְפִּיק לְיִשָּׂשכָר, וְנֶאֱמַר עָלָיו 'שְׂמַח זְבוּלוּן'".

- דעם זבולון הייסט מען אויך זיין פרייליך ביי זיין ארויסגיין וואס ער גייט ארום טוהן אין משא-ומתן.

"עַל כָּל זֶה נִקְרָא צֵאתְךָ. 'וְיִשָּׂשכָר אֹהָלֶיךָ', כִּי אַף עַל פִּי כֵן, עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה הִיא פְּנִימִיּוּת יוֹתֵר, וְהִיא לְמַעְלָה מֵעֲבוֹדַת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן, אַף עַל פִּי שֶׁגַּם הַמַּשָּׂא וּמַתָּן הִיא עֲבוֹדָה גְּדוֹלָה, כִּי הוּא מַסְפִּיק אֶת הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְנֶאֱמַר עָלָיו 'שְׂמַח זְבוּלוּן', עַל כָּל זֶה נִקְרָא צֵאתְךָ, נֶגֶד עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה שֶׁהִיא בְּחִינַת 'יִשָּׂשכָר בְּאֹהָלֶיךָ' כִּי אַף עַל פִּי כֵן עֲבוֹדַת הַתּוֹרָה לְמַעְלָה יוֹתֵר, וְכֵן כָּל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה נֶגֶד הַמַּדְרֵגָה שֶׁלְּמַעְלָה מִמֶּנָּה, נִקְרֵאת הַמַּדְרֵגָה שֶׁלְּמַטָּה צֵאתְךָ נֶגֶד הַמַּדְרֵגָה שֶׁלְּמַעְלָה, שֶׁהִיא נִקְרֵאת אֹהָלֶיךָ. וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁעוֹבֵד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּדְבֵקוּת, עִם כָּל זֶה נֶגֶד הַמַּדְרֵגָה שֶׁלְּמַעְלָה מִמֶּנָּה עוֹד, נִקְרָא אֲפִלּוּ דְּבֵקוּת בְּחִינַת צֵאתְךָ.

"וְזֶהוּ: 'כִּי תֵצֵא'. הַיְנוּ בְּחִינַת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ 'לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ', כִּי אָז הוּא שְׁעַת מִלְחָמָה עִם הָאוֹיְבִים כַּנַּ"ל, כִּי צָרִיךְ לְבָרֵר וּלְהַעֲלוֹת הַנִּיצוֹצוֹת מֵהֶם כַּנַּ"ל".

---

[יב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס', אות ד': **בִּסְדוֹם כְּתִיב,** (אִיּוֹב כח, ד): **"הַנִּשְׁכָּחִים מִנִּי רָגֶל". כִּי הֵם רָצוּ לְבַטֵּל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן,** שֶׁהוּא בְּחִינַת רֶגֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל"ג): "שְׂמַח זְבֻלוּן בְּצֵאתֶךָ", עַל כֵּן צָרִיךְ דַּוְקָא מַשָּׂא וּמַתָּן.

די קליפות זענען די אויבים; מען דארף מברר זיין און ארויסנעמען די ניצוצות פון זיי, איז דאס א מלחמה; די קליפות לאזן זיך נישט ארויסנעמען פון דער קדושה, איז דאס א מלחמה.

"וְזֶהוּ 'וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ', זֶה בְּחִינַת אֱמוּנָה. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ז): 'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה', כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַעֲלִין הַנִּיצוֹצוֹת כַּנַּ"ל".

די תורה איז דאך שכל, דארף מען האבן אמונה צו ארויסנעמען דאס אלוקות, 'בידיך' - דורך אמונה.

"וְזֶהוּ 'וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ' - זֶה בְּחִינוֹת הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ס"ח): 'עָלִיתָ לַמָּרוֹם שָׁבִיתָ שֶּׁבִי' כַּנַּ"ל".

א תורה פון משא ומתן, א תורה פאר סוחרים - 'מחשבתו' זאל זיין 'אל התורה', און מיט אמונה אויך, אזא סוחר איז א גוטער סוחר, אזא סוחר קען מאכן בעסער ווי א 'יושב אוהל' וואס ער איז נישט אזוי ווי מען דארף.

א 'יושב אוהל' איז נישט קיין קלייניקייט, עס איז א געוואלדיגע זאך, א 'יושב אוהל' דארף האבן א געוואלדיגע בקיאות, ער דארף האבן א בקיאות אין דער צייט.

ביי די וועלט - למשל - א שוחט איז א העכערע זאך - 'ער איז א שוחט!' און יענער איז א שוסטער. אבער אינ'אמת'ן, א שוסטער קען זיין אסאך נענטער צום אויבערשטן ווי א שוחט.

וואס איז דער אחריות פון א שוסטער? צו מאכן א גוטן שוך, ער זאל נישט פאלשעווען מיט פאלשע סחורה. אבער א שוחט איז דאך אַן אנדער אחריות גאר. דער רבי זאגט אין א תורה[יג]: "אוי לו להשוחט הזה" - א געוואלד!

א רָב אז ער וויל נעמען א שידוך - נעמט ער א רב, אבער זיך משדך זיין מיט א שוסטער?! אבער אינ'אמת'ן, דער שוסטער וואס איז אַן ערליכער איד, איז ער פיל העכער פון דעם רב, פיל העכער פון דעם שוחט.

---

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, אות ו', עיין שם.

אוודאי, עס זענען געווען גדולים, רבנים דארטן, צדיקים; אבער אז מען קוקט נישט אויפן תכלית, אז מען קוקט נישט אויפן אמת - -

אזעלכע שוסטערס זענען געווען ביי אונז, ממש צדיקים, קדושים! צדיקים קדושים! זיי זענען געזעצן ביים דאווענען מיט א דביקות צום אויבערשטן! גרויסע ערליכע אידן! וואס האט זיך אנגעזעהן א שוחט אנטקעגן? א געלעכטער! דער איז דאך א קדוש וטהור, דבוק אין אויבערשטן! איי ער קלאפט אין שיך? קלאפט ער אין שיך - אבער ער איז דבוק אינעם אויבערשטן!

א סופר אז ער שרייבט - דאס איז א געוואלדיגע אחריות, די אחריות פון א סופר אין הלכות תפילין איז א געוואלד א געוואלד!

מיר מיינען נישט חלילה צו שוואך מאכן די כלי קודש; אוודאי אז דער אויבערשטער העלפט, א שוחט אז ער איז א גרויסער ערליכער איד איז (אוודאי מעלתו גדולה).

❖

## דער באהאלטענער שוחט

אין מעזיבוש האט מען דערציילט; דער אפטער רב איז דאך געווען רָב אין מעזיבוש, פלעגט זיין ביי אים א שוחט וואס ער פלעגט אים ארויסשיקן אין אלע שטעטלעך ארום צו אכטונג געבן אויף די שוחטים אז זיי האבן א הרגשה און אלעס. מען האט אים גערופן "דעם רבי'נס שוחט".

אז ער פלעגט קומען אין א שטאט אריין - אין די קליינע שטעטלעך - איז ער צוגעגאנגען צום שוחט בעטן ביי אים דעם חלף, און ער האט געפרעגט דעם שוחט - "דער חלף איז בחזקת בדוק?" זאגט יענער, "יא, איך האב עס איבערגעקוקט!", פלעגט ער נעמען דעם חלף צו זיך אהיים, האט ער אים גוט איבערגעקוקט, זעהן צו עס איז ריכטיג צו נישט.

איינמאל איז דער שוחט פון דעם אפטער רב אריינגעקומען אין א שטוב אריין צום שוחט פון א שטעטל און געהייסן יענעם געבן דעם חלף, און ער האט אים געפרעגט

צו עס איז בחזקת בדוק. זאגט ער, "יא". האט ער געזעהן אז דער חלף טויג נישט - דער חלף איז נישט גוט. גייט ער נאכאמאל צום שוחט און ער זאגט אים נאכאמאל, "קוק איבער דעם חלף". ער נעמט עס (והשוחט אומר:) "עס איז א גוטער חלף!". ער קוקט - און דער חלף טויג נישט.

האט ער זיך מיישב געווען, עס וועט נישט העלפן קיין שום מעשה'ס, אז עס וועט קומען צום דריטן טאג וועט ער אים אפזאגן פון דער שחיטה, ער איז דאך נישט מרגיש דעם חלף צו ער איז גוט צו נישט.

אמאל זענען דאך געווען ערליכע אידן; ער האט שוין געדארפט אויף צומארגנ'ס הייסט עס אים אפזאגן פון דער שחיטה, האט ער זיך גוט אויסגעוויינט פארן אויבערשטן - דער אפטער רב'ס שוחט - גוט געוויינט פארן אויבערשטן - 'ער גייט דאך דא טוהן אזא מין זאך - אפזאגן א שוחט פון זיין פרנסה' - האט ער געוויינט פארן אויבערשטן.

הכלל, נאכדעם קוקט ער איבער דעם חלף - דער חלף איז עפעס הפלא ופלא!

נאך די טרערן איז שוין דער חלף געווארן גוט. (התפלא:) 'וואס איז דאס?' - דער חלף איז דאך געווען ביי אים צוויי טעג און עס איז נישט גוט געווען. דער שוחט האט דאך עס נישט געקענט ביז דערווייל פאררעכטן, ווייל דער חלף איז דאך ביי אים; וואס איז דאס געווארן אז איצטער איז דער חלף זייער גוט?

איז ער געקומען צום שוחט און זאגט אים, "איך ווייס נישט וואס דא איז געשען, צוויי טעג איז ער נישט געווען גוט - איצטער איז ער געווארן גוט!". ענטפערט אים דער שוחט: "איידער איר האט זיך אויסגעוויינט פארן אויבערשטן, האט מען אייך נישט געוויזן מיין חלף; איצטער אז איר האט זיך פארן אויבערשטן אויסגעוויינט, האט מען אייך געוויזן מיין חלף!"...

דער עיקר, יענער איז געווען א צדיק נסתר - דער שוחט.

"איידער איר האט זיך פארן אויבערשטן אויסגעוויינט, האט מען אייך נישט געוויזן מיין חלף" - אזעלכע שוחטים, צדיקים קדושים!

דער עיקר, פארוואס איך האב עס דערציילט דא - א שוחט איז נישט קיין קלייניקייט, און א סופר איז אוודאי נישט קיין קלייניקייט, און א שוסטער איז אויך נישט קיין קלייניקייט.

ביי די וועלט אז מען כאפט אָן א שוסטער איז עס א גנאי.

❖

## איידער אָן התבודדות איז שוין בעסער א מלמד

דער רבי האט אזוי געזאגט: "איך האב געוואלט מיינע לייט זאלן נישט זיין קיין שוחטים[יד]; **נאר א שוחט - זאל ער כאטש זיין פון מיינע לייט!**".

דער רבי האט ביידע געזאגט: "איך האב געוואלט מיינע לייט זאלן נישט זיין קיין שוחטים; נאר א שוחט - זאל ער כאטש זיין פון מיינע לייט!".

וואס ליגט אין די ווערטער "איך האב געוואלט זיי זאלן נישט זיין קיין שוחטים נאר אויב א שוחט זאל ער כאטש זיין פון מיינע לייט"? ער זאל האבן התבודדות, האבן **ישוב הדעת!**

רבי נתן האט אזוי געזאגט: "דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין מלמד[טו]; **נאר איידער א סוחר אָן התבודדות איז בעסער א מלמד!**"[טז].

א סוחר אָן התבודדות קען אזוי פארקריכן - איז שוין בעסער א מלמד.

(השואל: דער מלמד האט דען התבודדות?) א סוחר אָן התבודדות איז מער אין א סכנה ווי א מלמד. געווענטליך א מלמד אז ער איז אַן ערליכער איד, האט דאס קינד דרך ארץ,

---

[יד] עיין חיי מוהר"ן או תקצ"א: אָמַר הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁשְּׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֵינָם חֲשׁוּבִים בְּעֵינָיו: שׁוֹחֵט, וּמְלַמֵּד, וְחָסִיד בְּעִיר קְטַנָּה, מֵחֲמַת שֶׁבְּנָקֵל לוֹ לְהִכָּשֵׁל בְּגֵאוּת חַס וְשָׁלוֹם.

[טו] עיין חיי מוהר"ן הנ"ל, ושם באות תס"ה; ובשיחות הר"ן אותיות ר"מ-רמ"א.

[טז] עיין חיי מוהר"ן הנ"ל: אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ אִם לִהְיוֹת מְלַמֵּד, הֵשִׁיב לוֹ, לֹא. טוֹב לְךָ יוֹתֵר לִהְיוֹת סוֹחֵר וּבַעַל מַשָּׂא וּמַתָּן, רַק בְּשָׁעָה שֶׁתֵּלֵךְ בַּשּׁוּק תְּמָאֵס וּתְבַזֶּה אֶת הָעוֹלָם הַזֶּה בְּפִיךָ.

ער לייגט אריין אין די קינדער תורה ויראת שמים, אבער עס איז נישט אזוי די סכנה וואס עס איז דא (אויף א סוחר אָן התבודדות).

אזוי האט רבי נתן געזאגט: "דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין מלמד; נאר איידער א סוחר אָן התבודדות, איז שוין בעסער א מלמד!".

זעהען מיר אלץ ארויס דער זאך. ביי די וועלט איז עס אזוי גרויס, מען האט מער כבוד - 'מיין איידעם איז א שוחט', 'מיין איידעם איז א רב' - א געוואלד, א געוואלד!

עס קען זיין אז דער שוסטער איז פיל העכער פון דעם רב, צו פון דעם שוחט - 'מיין איידעם איז א שוסטער!'...

אוודאי, דער שוסטער דארף אויך זיין אַן ערליכער איד, נישט אפנארן.

❖ ❖ ❖

## נעם נישט קיין תעניתים וסיגופים

[לומד תורה רפ"א]

ווייטער, תורה רפ"א, א קליין תורה'לע: "אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט אִם יֵשֵׁב עַצְמוֹ עַל הַסֵּפֶר, וְיִסְתַּכֵּל עַל אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, יָכוֹל לִרְאוֹת חֲדָשׁוֹת וְנִפְלָאוֹת, הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ הֵיטֵב הֵיטֵב עַל אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה יַתְחִילוּ הָאוֹתִיּוֹת לְהָאִיר וּלְהִצְטָרֵף בִּבְחִינַת אוֹתִיּוֹת בּוֹלְטוֹת וּמִצְטָרְפוֹת שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא עג:), וַאֲזַי יִרְאֶה נִפְלָאוֹת צֵרוּפִים חֲדָשִׁים, וִיכוֹלִין לִרְאוֹת בְּהַסֵּפֶר מַה שֶּׁבַּעַל הַמְחַבֵּר לֹא כִּוֵּן לָזֶה כְּלָל, וְזֶה אֶפְשָׁר אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט, כִּי אָדָם גָּדוֹל יָכוֹל לִרְאוֹת זֹאת בְּלִי יְגִיעָה, רַק אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט לְגַמְרֵי יָכוֹל לְהַשִּׂיג וְלִרְאוֹת חֲדָשׁוֹת כַּנַּ"ל, אִם יֵשֵׁב עַצְמוֹ וְיִסְתַּכֵּל עַל אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל. אַךְ שֶׁלֹּא יַעֲמִיד הַדָּבָר לְנִסָּיוֹן, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁאָז דַּיְקָא לֹא יִרְאֶה כְּלָל, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יָכוֹל לְהַשִּׂיג לָזֶה אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט כַּנַּ"ל".

דער בעל שם הקדוש שרייבט א מכתב צום פולנאה'ער רב - צום תולדות[יז]: "איך האב געזעהן פון דיר א מכתב, איז ניכר אז דו האסט ביי דיר מחליט געווען אז דו ווילסט אנהויבן מאכן תעניתים וסיגופים".

זאגט ער, "והנני מוסיף בגזירת עירין, דו זאלסט אוועקגיין פון דער זאך - נישט דאס איז אונזער זאך; דו זאלסט זיך מְדַבק זיין אין די אותיות התורה, וועסטו דארטן זעהן א גרויסן אור; נעם נישט קיין תעניתים וסיגופים!".

דער בעל שם שרייבט אים דארט אזעלכע טיטלען - -

(ר' משה בינענשטאק: וואס מיינט דער רבי? מען דארף טאקע שטיין און קוקן און זיך מדבק זיין אין די אותיות?) איי איי, "והאר עינינו בתורתך", בעטן דעם אויבערשטן - 'דערלייכט אונז די אויגן אין דיין תורה'!

---

[יז] מובא בשבחי בעש"ט, וזל"ש: ויש תחת ידי אגרת ששלח הבעש"ט להרב, וזה לשון ההעתק שנכתב בעבר האגרת: "מק' מעזיבוז לק' נעמרוב רבתא, הני מילי בכתבא רצוא ושוב כמראה הבזק מראה הכהן אב"ד דק"ק הנ' מעוז ומגדל הרב המופלא עושה פלא החכם הכולל מ' יוסף הכהן אב"ד דק"ק הנ"ל". זה לשון האיגרת: "ליד אהובי א"נ הרב המאור הגדול, פטיש החזק, עמוד הימיני, המפורסם בחסידות, החכם השלם המופלא עושה פלא, הנצמד בקירות לבי דבוק מאח לי, כבוד מוה"ר יוסף הכהן נ"י. הנה גלילות ידו קדושה קבלתי וראיתי ראיה אחת בשתי שורות העליונות ושם נאמר שרום מעלתו אומר כאילו מוכרח להתענות. ותרגז בטני מקול הקורא. **והנני מוסיף בגזירות עירין ובצירוף קוב"ה ושכינתיה לבל יכנס עצמו ח"ו בזה**, כי זה מעשה מרה שחורה ועצבות ואין השכינה שורה לא מתוך עצבות רק מתוך שמחה של מצוה כאשר ידוע לרום מעלתו דברים שלמדתי כמה פעמים, והיו הדברים האלה על לבבו. ועל דבר סעיפי מחשבותיו המביאים אותו לזה איעצך ויהי אלקים עמך גיבור החיל, בכל בוקר ובוקר **בעת לימודו ידבק עצמו באותיות בדביקות גמור לעבודת בוראו ב"ה וב"ש ואז ימתיקו הדינים בשורשן** ויקיל מעליו הדינין. ומבשרך אל תתעלם ח"ו להתענות יותר מהחיוב ומהצורך ואם שמע תשמע לקולי ויהיה אלהים עמך ובזה אקצר ואומר שלום מנאי הדוש"ת נאום ישראל בעש"ט". גם עיין תולדות יעקב יוסף פר' ויצא אות י"א: קבלתי ממורי שעיקר עסק תורה ותפלה **שידביק את עצמו אל פנימיות רוחניות אור אין סוף שבתוך אותיות התורה** והתפלה, שהוא נקרא לימוד לשמה, שבזה אמר ר' מאיר (פ"ו דאבות, מ"א) כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ומגלין לו רזי תורה וכו', ר"ל **שידע עתידות וכל מאורעותיו מתוך התורה**, וידע איך יתנהג בתורה ועבודת השם יתברך, **ומלבד מה שרואה עולמות של מעלה**, וכהנה שמעתי מפי מורי ודפח"ח.

**אין דער הייליגער וואך** (- בהעלותך) **רעדט מען פון די 'מנורה הקדושה', פון די 'הטבת הנרות'; עס איז דאך דא די תורה "בהעלותך"[יח] - אפהיטן די נרות, אפהיטן די אויגן, אפהיטן דעם מויל, דעמאלט לייכטן אים די אותיות התורה, עס לערנט זיך אנדערש!**

**דער רבי זאגט דארט, דעמאלט איז מען זוכה אז דאס 'שלהבת הלב עולה תמיד מאליה', דאס הארץ פלאקערט תמיד צום אויבערשטן דורך די ז' נרות אויב מען היט זיי אפ!**

**מען האט א הייליגע מנורה ביי זיך! "מנרתא דא רישא" - זאגט דער זוהר!**

**אז דער מח - דער קאפ, איז א מנורה, דעמאלט איז 'שלהבת הלב עולה מאליה' - זאגט דער רבי אין דער תורה פון 'בהעלותך'.**

[יח] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות א-ב', וזל"ש: עַל יְדֵי שֶׁפַע אֱלֹקִי, שֶׁהַשֵּׂכֶל נִשְׁפָּע לָאָדָם בִּמְהִירוּת, שֶׁאֵין צָרִיךְ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּשׁוּם הַקְדָּמָה, עַל יְדֵי זֹאת הַמְּהִירוּת שַׁלְהֶבֶת הַלֵּב עוֹלָה תָּמִיד מֵאֵלֶיהָ. אֲבָל לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לָזֶה, אֶלָּא שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת פִּיו וְחָטְמוֹ וְעֵינָיו וְאָזְנָיו, וְהֵן הֵן מְאִירִין לוֹ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל. הַיְנוּ, שֶׁיִּשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלְּהוֹצִיא שֶׁקֶר מִפִּיו, וְיִהְיֶה לוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ י"א): "וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'", וְיִהְיֶה לוֹ אֱמוּנַת חֲכָמִים, הַתָּלוּי בְּאָדְנַיִן, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ב): "שְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים", וְיַעֲצִים עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרַע, כִּי הֵן הֵן הַמְעוֹרְרִין אֶת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל לָבוֹא, כִּי הַפֶּה וְהַחֹטֶם וְהָעֵינַיִם וְהָאָזְנַיִם תְּלוּיִים בַּמֹּחַ, וְהֵן מְעוֹרְרִין אֶת הַמֹּחַ שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת קֶדֶם, בִּבְחִינַת פָּנִים ... וְהֵן הֵן שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כִּי פֶּה וּתְרֵין נֻקְבָּא חֹטְמָא וּתְרֵין עַיְנִין וּתְרֵין אֻדְנִין הֵם בְּחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, 'וּמְנַרְתָּא דָּא רֵישָׁא', הַיְנוּ הַמֹּחַ, וּפְנֵי הַמְּנוֹרָה הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו״ה **חיים מאיר**
**האס** הי״ו
מאנסי
לרגל אירוסי בנו החה״ח
יעקב קאפיל נ״י למזל טוב

מו״ה **לוי יצחק**
**הערצאג** הי״ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו״ה **חיים צבי**
**שווארץ** הי״ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו״ה **יוסף**
**געשטעטנער** הי״ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו״ה **אברהם**
**ליכטער** הי״ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו״ה **יעקב**
**וויטריאל** הי״ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

לע״נ ר׳ **צבי ארי׳**
ב״ר **יצחק** ע״ה
יארצייט י״ב אייר
תנצב״ה

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון**
בן **מינדל**
לרפו״ש

## לזכרון בהיכל ה׳

מו״ה יצחק יעקב ב״ר מרדכי הלוי ע״ה
נלב״ע י״ד ניסן תשפ״ג

מרת פיגא רבקה בת ר׳ חיים צבי ע״ה
נלב״ע ז׳ מנחם אב תשפ״ב

מרת רוחמה שרה ע״ה בת ר׳ יצחק הי״ו
נלב״ע י״ב שבט תשע״ט

מו״ה יעקב ב״ר שמואל הכהן ע״ה
נלב״ע י״ג אייר תשפ״א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים